**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** דעצעמבער 13, 2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט 8 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר די ווילעדזש פון מאסענא אלץ טייל פון $10 מיליאן שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו**

***אכט שטאט-צענטער אויפלעבונג פראיעקטן וועלן פארשענערן גאס סצענעס און פאבליק ערטער, צוריקקערן אנקאר געביידעס, שטיצן קליינע ביזנעסער און שאפן א מער לעבעדיגע שטאט-צענטער***

***$10 מיליאן שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו אינוועסטירונגען אין רונדע 5 איז טייל פון סטראטעגישע ציהל צו באַרייכערן די קאמיוניטי מיט וויכטיגע פראיעקטן***

***געמאלענע בילד פון די פראיעקטן זענען פארענפטליכט [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אכט טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין די ווילעדזש פון מאסענא אלץ טייל פון די $10 מיליאן שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענט. די גרענטס וועלן צוריק אויפלעבן אלטע געביידעס, פארבעסערן פאבליק ערטער און גאס סצענע פאראייניגונג, פארברייטערן צוטריט צום וואסער און הנאה און פארגרעסערן קאמערשעל און רעזידענשעל געלעגנהייטן פאר מאסענא'ס היסטארישע אנגייענדע, פארנומענע שטאט-צענטער.

"מיר באגלייטן אריין א נייע עפאכע פאר מאסענא, צוציענדיג דזשאבס, ביזנעסער, און מענטשן און מאכנדיג דער קאמיוניטי א בעסערער ארט צו וואוינען און ארבעטן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "א דאנק די DRI אינוועסטירונג, וועלן ניו יארקער און באזוכער קענען הנאה האבן פון מאסענא'ס רייכע היסטאריע און לעבעסיגע שטאט-צענטער פאר נאך צענדליגע יארן."

מאסענא'ס אויפלעבונג איז געווידמעט צו שאפן מער א שפאצירנדע, גרינע, לעבעדיגע און פאראייניגטע קאמיוניטי. מאסענא האט א לאנגע און געשיכטליכע היסטאריע אלץ איינס פון די ערשטע סעטלמענטס אין סט. לאורענץ קאונטי. אזוויו פיל אנדערע אפסטעיט קאמיוניטיס, האט מאסענא געליטן די פארמינערונג, נישט אינוועסטירונג און ארויסציאונג פון די-אינדאסטריליזאציע. אבער מיר איר חן, פילע וועלדער, צוטריט צום וואסער און ביליגע עלעקטריק, האט די שטאט אויפגעבויט שטיצע צו איבערמאכן און אויפלעבן איר שטאט-צענטער, ווי איר פלאן דערקלערונג זאגט קלאר -- "רוקן מאסענא ווייטער: שטאלצע פארגאנגענהייט, גליקליכע צוקונפט."

דורך די שטאט-צענטער פאלן גראנט (DRI), וועט די ווילעדזש טראנספארמירן איר שטאט-צענטער דורך פארבעסערן איר גאס סצענעס און פאבליק ערטער, איבערמאכן און איבער נוצן אנקאר געביידעס, און שטיצן קליינע ביזנעסער. די אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די אפסטעיט עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין די נארט קאנטרי. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט וואס שטעלט צו טעכנישע הילף אזוי ווי יעדע אנטיילנעמנדע

קאמיוניטי אנטוויקלט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס אידענטיפיצרט ספעציפישע פראיעקטן מיט אן אייגנארטיגע חזון פאר די אויפלעבונג פון די שטאט-צענטער געגנט. די $9.7 מיליאן סטעיט DRI אינוועסטירונג וועט זיך רעכענען אויף פאבליק און פריוואטע אינוועסטירונגען אזוי ווי די אויפלעבונג פראצעדור מאכט פארשריט און גייט אריין אין שוואונג.

די ספעציפישע פראיעקטן צו ווערן פינאנצירט דורך דער DRI רעכענען אריין:

**<u>שענער מאכן גאס סצענעס און פאבליק ערטער</u>**

**שענער מאכן שטאט-צענטער גאס סצענעס - DRI סומע: $2,984,000**
ארײנלייגן אין קראפט מאכן די גאס סצענעס שענער אזוי ווי לעקטער אויפ'ן גאס, סיידוואלקס, ביימער אויפ'ן גאס, לעקטער אונטער'ן בריק, וועגן פאר פיסגייער, בענק און מאפעס צו שאפן א פאראייניגטע שיינע גאס סצענע.

**מאכן א וועג און הויף ביים וואסער - DRI סומע: $1,900,000**
איבערארבעטן די געוועזענע מאסענא שולע פון ביזנעס ארט הארט-סקעיפ הויף/איבערגאנג ארט מיט מעזאנין, וואס באהעפט די שטאט-צענטער וועג מיט די וואסער וועג ערטער אינעם צייט פון אנהאלטן די היסטארישע שועל פון ביזנעס אויסקוק.

**אויפשטעלן די שטאט-צענטער וואסער וועג - DRI סומע: $1,715,000**
אויפשטעלן א הערליכע וועג ביים וואסער נעבן טיילן פון די גראסע ריווער און ענדיגן די קאיאק אויסגאנג הינטער די פייער דעפארטמענט אינאיינעם מיט יעצטיגע לאנד אייגנטומער.

**<u>צוריקשטעלן אנגייענדע אנקאר געביידעס</u>**

**איבערמאכן די JJ Newberry געביידע - DRI סומע: $1,633,000**
מאדערנאזירן און פארריכטן א היסטארישע געביידע: אריינשטעלן אפארטמענטס, בייגזאמע ארבעט ערטער, און אפיס ערטער, ווי אויך א דעק אויפ'ן דאך, און ערזעצן די יעצטיגע געביידע.

**איבערמאכן Water Street 37 - DRI סומע: $605,000**
איבערבויען א פארלאזטע געביידע פאר לייכטע ארויסגעבונג און ראיאנישע קאמערשעל פארקויפונג פון אייס קריעם, יאגורט, און קעזן, ווי אויך א פארקויפונג קרימערי געשעפט פארנט און צווייטע שטאק געביידעס.

**איבערבויען Main 94-96 - DRI סומע: $163,000**
איבערבויען אן אלטע גראסערי געשעפט געביידע און דערנעבנדע ליידיגע ארט פאר פארקינג. די געביידע וועט ווערן איבערגעמאכט פאר פראפעסיאנאל אדער פארקויפונג ארט.

**צוריקברענגען היסטאריע Main Main 48 - DRI סומע: $100,000**
צוריקברענגען פארנט, זייטיגע, און הונטערשטע אויסשטעל פון אנקאר Main Street געביידע ווי אויך אלס איינס פון די אייגנארטיגע געשעפטן.

**<u>שטיצן קליינע ביזנעסער</u>**

**אויפשטעלן די CORE פון די קאמיוניטי געלט - DRI סומע: $600,000**

פארבעסערן די שטאט-צענטער אינערליכקייט דורך געבן גרענטס פאר אויפלעבונג באמיאונגען און טעכנישע הילף צו העלפן ביזנעסער בויען מעגליכקייט.

**ניו יארק סעקרעטארי פון סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו גייט א ווייטע וועג פאר קאמיוניטיס אזוויי מאסענא און די פראיעקטן וועלן ערלויבן די ווילעדזש צו אנהאלטן זייער היסטאריע דורך צוריקבויען און אויפלעבן היסטארישע געביידעס און אינעם זעלבן צייט שטופן צו א ברייטערע צוקונפט. די דעפארטמענט אוו סטעיט איז שטאלץ צו זיין א טייל פון די וויכטיגע פראגראם וואס לעבט אויף אונזער שטאט-צענטער, שאפט נייע אפענע ערטער, און שטיצט קליינע בעזנעסער. מזל טוב צו מאסענא פאר זייערע פראיעקטן."

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמישאנער האופ נייט האט געזאגט,** " די פראיעקטן געבן א בליק פון א שטאט-צענטער מאסענא וואו מען קען שפאצירן און מער א לעבעדיגע, פאראייניגטע איינוואוינער און באזוכער צו די וואסער, איבערארבעטנדיג היסטארישע געביידעס צו קאמערשעל און רעזידענשעל צענטערן און ברענגען פארלאזטע ערטער צוריק צום לעבן. מיר זענען שטאלץ צו שטיצן די וויכטיגע אינוועסטירונג אין ניו יארק סטעיט'ס סיטי צענטערן, זיי צו מאכן ערטער וואו מענטשן ווילן לעבן און בליען."

**ניו יארק סטעיט היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישאנער רוט ענן וויסנאוסקאס האט געזאגט,** "די אכט גרענטס היינט געמאלדן וועלן פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער וועלכע וואוינען אין די ווילעדזש פון מאסענא און וועט העלפן ברענגען באזוכער צו די היסטארישע וואסער ברעג קאמיוניטי. דורך ארבעטן מיט לאקאלע פירערס, טוט די סטעיט'ס שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו שטארקן געגנטער איבער ניו יארק דורך קלוגע אינוועסטירונג געצילט צו געברויכן אויפ'ן ארט. מיט פארבעסערן צוטריט צום וואסער, איבערמאכן ליידיגע ערטער, און שטיצן קליינע ביזנעסער וואוקס, בלאזט די DRI אריין נייע לעבן אין שטאט-צענטער מאסענא."

**סטעיט סענעטאר דזשאסעף גריפא האט געזאגט,** "די פלאן וואס מאסענא שטעלט צאם ערמעגליכט די קאמיוניטי צו שאפן געלט ערפאלגליך וואס וועט איבערארבעטן צאמגעפאלענע פראפערטיס, פארבעסערן פאראייניגונג און גאס סצענעס און שטיצן נאך קאמערשעל און רעזידענשעל געלעגנהייטן אינעם שטאט-צענטער. די פראיעקטן וועלן פארבעסערן און שטארקן די קאמיוניטי און העלפן עס צו פארלייגן פאר מער א לעכטיגע און ברייטע צוקונפט."

**מעיאר גרעגארי פאקווין האט געזאגט,** "די ווילעדזש פון מאסענא פרייט זיך מיט די מעלדונג פון די DRI דערהאלטער. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט די DRI גרענט דערהאלטער מיט האפונגען פון ריכטיג אויפלעבן די שטאט-צענטער געגנט צו א בליענדע, פאמיליע-פריינטליכע פלאץ וואו אלע קענען הנאה האבן.די ערווארטענע פאבליק און פריוואטע איוועסטירונגען פון די DRI וועט טראנספארמירן די שטאט-צענטער געגנטער צו א לעבעדיגע צענטער וואס געבט א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע אנטוויקלונג, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. דאס איז א פראצעס וואס וועט נישט פאסירן איבערנאכט, און איך בעט פאר די געדולד פון די מערערע מאסענא קאמיוניטי אינעם צייט וואס מיר ארבעטן דורך די פראצעס."

**שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

ניו יארק סטעיט'ס DRI – א הויפט באשטאנדטייל פון איר עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם – טראנספארמירט שטאטישע צענטער געגנטער צו ווערן ווירבלנדע צענטער וועלכע אפפערן א הויכע קוואליטעט פון לעבן און וועלכע זענען ווי מאגנעטן פאר נייע דעוועלאפמענט, ביזנעס, נייע דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפּארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די

DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפענטליכט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418